בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת ויגש תשע"ז** — **גליון 391 [שנה ט']**

**יוסף האט נאך א צלם אלקים?**

וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל־אֶחָיו אֲנִי יוֹסֵף הַעוֹד אָבִי חָי וְלֹא־יָכְלוּ אֶחָיו לַעֲנוֹת אֹתוֹ כִּי נִבְהֲלוּ מִפָּנָיו: (מה ג) אין דעם פסוק איז דא דריי דיוקים: איינס, פארוואס פרעגט זיי יוסף הַעוֹד אָבִי חָי, אין דעם צייט וואס ער האט שוין געהערט אז יעקב לעבט נאך? צוויי, נִבְהֲלוּ, פארוואס האבן זיי זיך דערשראקן פון אים, ווען ביז יעצט האבן זיי גערעדט מיט יוסף האבן און האבן זיך נישט דערשראקן? דריטענ'ס, פארוואס שטייט נִבְהֲלוּ מִפָּנָיו און נישט סתם נִבְהֲלוּ? נאר דאס אלעס צו פארענטפערן ווייל רש"י זאגט אויפן פסוק כִּי בֶן זְקֻנִים הוּא לוֹ (בראשית לז ג) שהיה זִיו אִיקוּנִין שלו דוֹמה לוֹ, די צורה פון יוסף איז געווען ענדלאך צו די צורה פון יעקב. און עס שטייט חָכְמַת אָדָם תָּאִיר פָּנָיו (קהלת ח א) זאגט די הייליגע אריז"ל אז די חכמה פון א מענטש זעט מען אין זיין צֶלֶם אֱלֹקִים, און אויב ער טוט א עבירה גייט אוועק פון אים די צֶלֶם אֱלֹקִים, און דער חטא ווערט ארייגעקריצט אויף זיין שטערן, און חז"ל זאגן אין מס' (מגילה דף כח.) אמר רבי יוחנן: אָסוּר לְאָדָם להסתכל בְּצֶלֶם דְמוּת אדם רשע. מען טאר נישט קוקן אין פנים פון א רשע. ממילא די ברידער האבן ביז יעצט געמיינט אז יוסף איז א גוי און מען טאר נישט קוקן אויף זיין פנים, ממילא איז פארענטפערט פארוואס ביז יעצט האבן זיי נישט געקוקט אויף יוסף'ס פנים. אבער ווען יוסף זאגט אֲנִי יוֹסֵף האבן זיי יעצט געקוקט און געזען די ליכטיגקייט און צֶלֶם אֱלֹקִים אויף זיין פנים, איז געווען נִבְהֲלוּ "מִפָּנָיו" טאקע פון די ליכט פון זיין "פנים", און מיט די ווערטער אֲנִי יוֹסֵף האט ער זיי מרמז געווען אז ער איז געבליבן דער זעלבע און ער האט נאך די צֶלֶם אֱלֹקִים פון זייער טאטע און דאס מיינט הַעוֹד אָבִי חָי, ער האט דאס יעצט געזאגט בלשון ניחותא, עס לעבט נאך. ממילא וְלֹא־יָכְלוּ אֶחָיו לַעֲנוֹת אֹתוֹ. זיי האבן געזען די זעלבע צורה פון זייער טאטע. (אברהם אנכי ר' אברהם פאלאג"י)

**ווי אזוי זעהט מען א קול**

וְהִנֵּה עֵינֵיכֶם רֹאוֹת וְעֵינֵי אָחִי בִנְיָמִין כִּי פִי הַמְדַבֵּר אֲלֵיכֶם: (מה יב) פרעגן אלע ווי אזוי זעהט מען א קול? דער רמב"ם (הל' דעות פ"ב) זאגט אז כעס איז זייער א שלעכטע מדה, און אויב מען דארף איינעם מוכיח זיין, זאל מען נאר זיין אויפגערעגט פון אינדרויסן, אבער אינעווייניג זאל מען זיין רוהיג. און דאס איז נאר געזאגט געווארן ביי איינע וואס האבן אויסגעארבעט די מדה פון כעס, און קען שולט זיין אויף זיך צו רעדן מיט כעס און באמת נישט זיין אין כעס, אבער מענטשן וואס האבן נאך נישט אויסגעארבעט די מדה, וכ"ש א גוי קען זיכער נישט שולט זיין אויף זיך, איז יעצט אז יוסף האט געוואלט אז די ברידער זאלן האבן א כפרה אויף די מכירה, האט ער זיי געוואלט ברענגען צו חרטה, האט זיי יוסף מוכיח געווען מְרַגְּלִים אַתֶּם: און זיי האבן טאקע מודה געווען אֲבָל אֲשֵׁמִים אֲנַחְנוּ עַל־אָחִינוּ. און נאכדעם ווען יוסף האט געזאגט אֲנִי יוֹסֵף און האט בארוהיגט די ברידער, האט יוסף געזאגט וְהִנֵּה עֵינֵיכֶם רֹאוֹת, אז זיי האבן געזען כִּי "פִי" הַמְדַבֵּר, אז עס איז נאר געווען דער פִּי פון אינדרויסן, דאס האט גערעדט מיט כעס, אבער אינעווייניג איז ער געווען א שולט אויפן כעס, מיט דעם איז פארענטפערט פארוואס שטייט וְהִנֵּה עֵינֵיכֶם רֹאוֹת און נישט "אָזְנֵיכֶם שׁוֹמְעוֹת" ווייל דער עיקר האט יוסף געמיינט דער "פִּי" און נישט דער דיבור. (חידושי הר"י בני הר' יוסף הלוי קליטניק נ"י)

**וואס איז די גרויסע שמחה פון יעקב אז יוסף לעבט?**

וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל רַב עוֹד־יוֹסֵף בְּנִי חָי: (מה כח) רש"י איז מסביר דער לשון רַב –אזוי ווי דער תרגום סַגִּי לִי חֶדְוָא–רב לי עוד שמחה וחדוה הואיל ועוד יוסף בני חי, איך האט אסאך שמחה און פרייד אז יוסף מיין זון לעבט. פרעגן די מפרשים אז לויט דעם פשט וואלט געדארפט שטיין רב לִי און נישט נאר רַב? נאר עס שטייט וְרַב יַעֲבֹד צָעִיר (בראשית כה כג) וואס רַב מיינט עֵשָׂו, און אויפן פסוק וַיְהִי כַּאֲשֶׁר יָלְדָה רָחֵל אֶת־יוֹסֵף זאגט רש"י משנולד שטנו של עשו שנא' (עובדיה א יח) וְהָיָה בֵית־יַעֲקֹב אֵשׁ וּבֵית יוֹסֵף לֶהָבָה וּבֵית עֵשָׂו לְקַשׁ, אֵשׁ בלא לֶהָבָה אינו שולט למרחוק, פייער אן א פלאם גייט נישט ווייט, משנולד יוסף בטח יעקב בהקב"ה ורצה לשוב. קומט אויס אז עשו כל זמן יוסף לעבט איז ער א שטער פאר אים און ווען מען האט געזאגט טָרֹף טֹרַף יוֹסֵף, האט זיך עשה זייער געפריידט, אבער יעצט אז יוסף לעבט האט ער געזאגט רַב מיינט עֵשָׂו, און יוֹסֵף בְּנִי חָי ער איז דיין שטער, ממילא האסטו נישט וואס זיך צו פרייען. (באר התורה – תלמיד מהרש"ל פראג שע"ב)

**פארוואס פרעגט פרעה ווי אלט יעקב איז?**

וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל־יַעֲקֹב כַּמָּה יְמֵי שְׁנֵי חַיֶּיךָ: וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל־פַּרְעֹה יְמֵי שְׁנֵי מְגוּרַי שְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה: (מז ח ט) פרעגט דער רבינו בחיי אז ווייל יעקב האט אויסגעזען אסאך עלטער ווי ער איז געווען דעריבער האט אים פרעה געפרעגט ווי אלט ער איז, אבער פארוואס ווען פרעה האט אים געפרעגט כַּמָּה יְמֵי שְׁנֵי חַיֶּיךָ, האט אים יעקב געענטפערט יְמֵי שְׁנֵי מְגוּרַי און נישט יְמֵי שְׁנֵי חַיַּי נאר מְגוּרַי? נאר יעקב האט מרמז געווען פאר פרעה אז די שְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה איז ער נאר א גֵר, ווייל דאס איז די דרך צדיקים זיך צו האלטן אז זיי זענען גרים אויף דער וועלט ע"כ. צו פארשטיין דער רבינו בחיי, האט דערציילט מו"ר הגאון ר' יואל פעלנער אב"ד בעלעד זי"ע אז ווען ער איז געווען ביי זיין שווער הגאון ר' עקיבא שרייבר ז"ל אין פאפא, איז געקומען א אורח און פרעגט ר' עקיבא ווי אלט ער איז? האט מו"ר ר' יואל געזאגט שיינערהייט צום אורח אז פרעה האט געפרעגט יעקב כַּמָּה יְמֵי שְׁנֵי חַיֶּיךָ? וואס לכאורה איז נישט קיין דרך ארץ צו פרעגן אזא שאלה, נאר די כוונה פון פרעה איז געווען ווייל ער האט גערעדט מיט יעקב אין פארשידענע חכמות און האט געזען די ברייטער ידיעות אין חכמה פון יעקב וואס כדי צו קענען אזויפיל חכמה דארף יעקב זיין גאר אַלט, דעריבער פרעגט אים פרעה כַּמָּה יְמֵי שְׁנֵי חַיֶּיךָ, ווייל דו זעסט נישט אויס אזוי אַלט! ע"כ דברי מו"ר צו מפרש זיין כוונת פרעה, האט יעקב געענטפערט. יְמֵי שְׁנֵי מְגוּרַי שְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה ע"ד המשנה (אבות פרק ו משנה ד) כַּךְ הִיא דַרְכָּהּ שֶׁל תּוֹרָה, פַּת בַּמֶּלַח תֹּאכֵל וּמַיִם בַּמְּשׂוּרָה תִּשְׁתֶּה וְעַל הָאָרֶץ תִּישַׁן וְחַיֵּי צַעַר תִּחְיֶה וּבַתּוֹרָה אַתָּה עָמֵל (תהלים קכח ב) – און תוספות (כתובות דף קד.) ד"ה לא נהניתי, זאגט פון מדרש עד שאדם מתפלל שיכנס תורה לתוך גופו יתפלל שלא יכנסו מַעֲדַנִּים לתוך גופו. דאס מיינט אויב א מענטש לייגט זיך ארײן אין תורה און חכמה און נישט אין תענוגי עולם הזה עפענט זיך פאר אים די אלע קוועלער פון תורה און חכמה. דאס האט אים יעקב געמיינט מיט "מְגוּרַי" א לשון גֵר און וְחַיֵּי צַעַר, אזוי ווי די רבינו בחיי זאגט, א גר אויף די וועלט מיט ווייניג תענוגים, איז דא אסאך חכמה אויך, אבער דו פרעה און אנדערע מלכים וואס האבן אסאך תענוגים ממילא איז נישטא אזויפיל חכמה. (בית ישראל השלם למוה"ז האדמו"ר ממאטערסדארף זצוק"ל)

# מדור העובדות

# אז מען הייסט נישט אויסזאגן זאגט מען נישט אויס

די הייליגע ברידער רבי ר' אלימלך מליזענסק און רבי ר' זושא פון אניפאלי זצוק"ל האבן אנגענומען אויף זיך צו גיין אין גלות יארן לאנג און גיין צוזאמען פון דארף און שטאט, אבער אויף שבת פלעגט דער רבי ר' אלימלך אפזוכן א מכניס אורח א גביר כדי צו מכבד זיין די סעודות שבת בהרחבה, דאגעגן האט רבי ר' זושא גאר אפגזוכט א מכניס אורח א ארימאן. איין ערב שבת איז ר' זושא אנגעקומען אין א דארף און האט געזאגט ר' אלימלך ער בלייבט דא אויף שבת און ר' אלימלך איז געפארן אין א אנדערן דארף וואו עס האט געוואוינט א גביר.

די סיבה פארוואס ר' זושא איז געבליבן אין יענעם דארף ווייל ער האט מרגיש גערווען אז דארט אין דארף וואוינט איינע פון די ל"ו צדיקים נסתרים און האט געוואלט זיין ביי אים אויף שבת. האט ער אנגעקלאפט אויפן טיר פון שטוב און די ווייב פון צדיק האט גע'עפנט די טיר, האט ר' זושא איר געפרעגט צו ער קען זיין זייער גאסט אויף די סעודות שבת? האט זי געענטפערט אז יא אבער זיי האבן נישט קיין עסן אים צו געבן ווייל זיי זענען זייער ארעם, האט ר' זושא געזאגט אז ער האט מיגעברענגט מיט זיך גענוג עסן, האט זי מסכים געווען און ער האט אוועק געלייגט זיין פעקל און די עסן אנגעגרייט לכבוד שבת.

דערווייל איז איר מאן אנגעקומען א ריכטיגע ארימאן מיט צוריסענע קליידער און ניטאמאל געקוקט און ווייסנדיג געמאכט פון ר' זושא. דער צדיק האט זיך אנגעגרייט אויף שבת און ר' זושא איז אויך געגאנגען זיך אנגרייטן לכבוד שבת. נאכן דאווענען פרייטיג ביינאכט איז ר' זושא געגאנגען צום הויז פון צדיק און זעצט זיך ביים טיש מיט זיינע מאכלים און קוקט נאך צו זען די דערהויבענער עבודה פון צדיק אבער ער זעט גארנישט. און דער צדיק מאכט זיך בכלל נישט ווייסנדיג אז עס איז דא א גאסט. ר' זושא האט געהאפט אז אפשר ביי די סעודה שבת וועט ער עפעס זען און דאס זעלבע חזר'ת זיך איבער. ר' זושא ווייסט אז דער איז א צדיק אבער אזוי זיך צו באהאלטן!

אבער ווען עס איז געקומען צו שלש סעודות האבן זיי זיך געגאנגען וואשן און פלוצלינג שפירט ר' זושא ווי ער איז אין מיטן א גרויסע פעלד, ער קוקט זיך ארום און זעט נישט קיין הויז און זעט נישט דעם צדיק, אויך האט ער נישט זיין עסן, א ליידיגער פעלד! ר' זושא ווערט ביי זיך געפאלן, ער איז געקומען זען די עבודה פון צדיק און ער זעט גארנישט! ער האט אפילו נישט זיין עסן צו יוצא זיין שלש סעודות, און בכלל ער ווייסט נישט וואו ער געפינט זיך יעצט!

אבער ר' זושא ווייסט אז אלעס טוט דער אויבערשטער לטוב און ער הויבט אן שפאנצירן אין פעלד און ער זעט א לאך אין די ערד און קוקט אריין און זעט אז דאס איז די טיר פון א הייל אונטערן פעלד, האט ר' זושא פארשטאנען אז דער אויבערשטער האט אים דא געפירט און ער גייט אריין אין הייל, און ווערט ערשטוינט צו זען ווי די ל"ו צדיקים נסתרים זיצן צוזאמען שלש סעודות און זיין מכניס אורח זיצט אויבן אן אנגעטאן מיט ווייסע קליידער ווייל ער איז געווען דער ראש פון די אלע צדיקים און זיין פנים לויכט מיט א הייליגע שיין.

איינער פון די צדיקים האט אים געהייסן ציך וואשן און צוזעצען מיט זיי. און ר' זושא האט מיטגעהאלטן דער שלש סעודות מיט אזא הייליגע צדיקים וואס איז געווען א תענוג רוחני וואס ער האט נאך אין זיין לעבן נישט געפילט, און די דברי תורה וואס מען האט דארטן גערעדט אין געווען טיפע סודות. ר' זושא איז געווען מלא שמחה אויף דער מתנה. נאך שלש סעודות האט דער צדיק שוין זיך באקאנט מיט ר' זושא און האבן געשמוסט. ווען זיי האבן געענדיגט רעדן האט דער צדיק נסתר געזאגט אז נאך מעריב וועלן זיי זיין צוריק ביי אים אין הויז אבער ער האט אנגעווארנט ר' זושא אז ער טאר קיינעם נישט דערציילן וואס ער האט געזען און וואו ער איז געווען ווייל אויב יא וועט ער האבן א עונש, און טאקע נאך מעריב פילט ר' זושא אז ער איז אין די הויז פון צדיק און זיי האבן זיך געזעגנט א גוטע וואך.

אינדערפרי האט ער זיך געטראפן מיט ר' אלימלך און ר' אלימלך האט באמערקט אויף ר' זושא א אויסערגעווענטליכע שמחה אויף ר' זושא און א הויכע מדריגה פון קדושה, און פרעגט ר' זושא פון וואו האט ער באקומען די העכערקייט? האט אים ר' זושא נישט געוואלט זאגן, אבער ר' אלימלך האט אים נישט אפגעלאזט און געמוטשעט פאר ר' זושא אז ער מוז אים דערציילן, און ר' זושא האט אלעס פונקלאך דערציילט פון דער צדיק נסתר און פון די דערהויבענער שלש סעודות!

זיי זענען געגאנגען ווייטער אין זייער גלות וועג און יענער נאכט האבן זיי אריין אין א קרעטשמע זיך אפצורוהען, די הייליגע ברידער פלעגן אויפשטיין גאר פרי און דאווענען און נאכדעם גיין אין זייער וועג. אין יענע קרעטשמע איז פונקט יענעם נאכט איינגעשטאנען א גרויסער פריץ און האט געהאט מיט זיך א זעקל מיט גאלדענע רענדלאך, דער פריץ האט געהערט ווי די ברידער זענען אויפגעשטאנען פרי און ווען ער האט אויפגעשטאנען פון בעט האט דער פריץ געזוכט זיין זעקל געלט און נישט געטראפן האט ער געשיקט זיין באדינערס זיי זאלן נאכלויפן די צוויי ברידער ווייל זיי האבן דאס זיכער צוגענומען און וועגן דעם זענען זיי אוועק פרי!

די באדינערס האבן געהאט גוטע פערד און נאכגעלאפן די צוויי ברידער און זיי געכאפט און געברענגט פארן פריץ. מען האט אונטערגעזוכט די פעקלאך און די ברידער און מען האט גארנישט געטראפן, האט דער פריץ געהייסן די באדינערס מען זאל שמייסן ר' זושא ער זאל מודה זיין וואו ער האט געלייגט די געלט! ר' זושא שרייט ער ווייסט פון גארנישט אבער די פריץ וויל פון גארנישט הערן און זאגט מען זאל שטארקער שלאגן ווען פלוצלינג עפענט זיך די טיר און אריין קומט א צווייטער פריץ מיט זיין באדינערס און פרעגט דער פריץ וואס טוט זיך דא. האט דער פריץ דערציילט אז ער ווייסט אז דער איד האט געגאנבעט זיין זעקל געלט!

דער צווייטער פריץ קוקט אויפן פנים פון ר' זושא און זאגט פארן פריץ דו מאכסט א גרויסן טעות דער איז נישט קיין גנב און האט באפוילן זיינע באדינערס אים אפצולאזן. ר' זושא איז געווען צומישט וואס טוט זיך דא! ווען זיי זענען געווען גרייט צו גיין האט דער צווייטער פריץ צוגערופן ר' זושא און געזאגט אז מען האט געהייסן נישט אויסזאגן, זאגט מען נישט אויס!!

**ר' זושא האט יעצט שוין פארשטאנען אלעס וואס איז פארגעגאנגען!**

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

*שו"ע הרב חסר כרך א' נדפס ע"י בן החידושי הרי"ם נדיר מאד $1500 , אוסף של ספרים שנדפסו בשנגהי $4000, סעט זוהר סלאוויטא מצב טוב $7000, תשובה בכת"י פון ערבי נחל, סעט היכל הברכה דפוס ראשון עם אלפי הגהות על רש"י ומפרשים ע"י ר' יצחק יוסף חזן מלאסק $13000 , תיקוני זוהר עם הגהות בעל בני שלישים $20000 , א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עם וועט העלפן $22000, כת"י ר' חיים וויטאל- זיין בר מצוה דרשה, א חיבור פון בעל נתיבות זיין ספר נחלת יעקב מיט הוספות, ספר כרתי ופלתי מיט חתימת הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן. א אוסף פון ערשטער דרוק ספרים פון רבינו יואל מסאטמאר, א בריוו פון הייליגן חכם צבי, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל, ספר יעיר אזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון,* א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א בריוו פון דעם קרבן נתנאל $32000, ספר אוצר הרבנים 1000 יאר פון רבנים, ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר, בריוו פון הרה"צ ר' ישראל אדעסע מנהיג ברעסלאוו, אדמו"ר מקאפישטניץ ר' אברהם יהושע העשיל. מגן אברהם טריסק דפוס ראשון עם הברכה מצב מפואר $3500, מגן דוד דפוס ראשון זיטאמיר מצב נהדר $3200, ברכת דוד טאלנא דפוס זיטאמיר, מענה לשון דפוס זיטאמיר, כת"י פון באבא סאלי. שיינע לאנגע בריוו פון שדה חמד $3000, אוסף פון ערשטע דרוק ספרי המנחת אלעזר $3500, ספר עם חתימת הרה"ק ר' צבי הירש מרימינוב, חידושי תורה מר' צבי הירש ברודיע לא נדפס $3000, לחם שמים מהיעבץ דפו"ר עם הגהות מהר"ם יפה, ועוד ועוד, א אוסף פון מילר חלפים און אנדערע חלפים פאר עופות און צוויי פאר דקות און שטיינער נאר פאר ערנסטע קונה

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת